# וויכטיגע ענדערונגען אין די מעדיקעיד פראגראם

די פאלגנדע שורות מעלדן אייך איין איבער וויכטיגע ענדערונגען אין די מעדיקעיד פראגראם וואס זענען דערווייל נישט אריינגעלייגט געווארן אין ביכער 1 און 2. איר זאלט פארזיכטיג דורכלייענען די אינפארמאציע.

**בוך 1, LDSS-4148A – וואס איר זאלט וויסן וועגן אייערע רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן (ווען איר אפלייט פאר אדער באקומט בענעפיטס)**

**בלאט 3**

**אפליקאציע רעכטן**

- איר דארפט נישט אדורכגיין אן אינטערוויו צו אפלייען פאר מעדיקעיד. איר קענט שיקן אייער אויסגעפילטע מעדיקעיד אפליאקאציע צו אייער לאקאלע דעפּארטמענט פון סאָושעל סערוויסעס אדער קענט איר זיך פארבינדן מיט איינער וואס העלפט מיטן זיך איינשרייבן פאר הילף מיט די אפליקאציע. אויב איר פילט אויס די LDSS-2921 אפליקאציע פאר צייטווייליגע הילף און איר אפלייט אויך פאר מעדיקעיד, מאכט זיכער צו אנצייכענען מיט א טשעק די קעסטל פאר צייטווייליגע הילף און מעדיקעיד אויף די ערשטע בלאט פון די אפליקאציע.

**בלאט 17**

**פאראנטווארטליכקייט צו ברענגן באווייזן**

אויב איר ווערט 65 יאר אלט אין די קומענדיגע דריי חדשים אדער אויב איר זענט 65 יאר אדער עלטער, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר נאך מעדיצינישע בענעפיטס דורך די מעדיקעיר פראגראם. איר מוזט אפלייען פאר מעדיקעיר אלץ א תנאי צו קענען זיין בארעכטיגט פאר מעדיקעיד.

מעדיקעיר איז א פעדעראלע העלט אינשורענס פראגראם פאר מענטשן פון 65 יאר און עלטער אפגעזעהן פון וויפיל געלט זיי מאכן. ווען א מענטש האט סיי מעדיקעיר און סיי מעדיקעיד, צאלט מעדיקעיר קודם און נאר דערנאך צאל מעדיקעיד.

איר מוזט אפלייען פאר מעדיקעיר אויב:

- איר האט כראנישע נירן קראנקייט (קידני פעיליור) אדער עמיאָטראָופיק לעטערעל סקעלראָוסיס (ALS); **אדער**

- איר ווערט 65 יאר אלט אין די קומענדיגע דריי חדשים אדער איר זענט שוין יעצט 65 יאר אדער עלטער **און** אייער אייקונפט איז גלייך צו אדער ווייניגער פון 120 פראצענט פון די פעדעראלע ארעמקייט שטאפל (וואס איז געוואנדן אין די גרויסקייט פון די הויזגעזונד פאר אן איינציגער מענטש אדער חתונה געהאטע קאפל), אדער איז אויף די סטאנדארט פון מעדיקעיד. אין די פעלער קען די מעדיקעיד פראגראם צאלן אדער צוריקצאלן אייערע מעדיקעיר פרימיומס. אויב די מעדיקעיד פראגראם קען צאלן פאר אייערע פרימיומס, וועט איר מוזן אפלייען פאר מעדיקעיר אלץ א תנאי צו זיין בארעכטיגט פאר מעדיקעיד.

**בלאט 21**

**פאראנטווארטליכקייט צו ברענגן באווייזן (2/07 ווערסיע)**

- אויב איר זענט יונגער פון 65 יאר, באשטעטיגט אלץ בלינד אדער דיסעיבעלד, דארפט איר נישט אונז נישט דערציילן וועגן אייערע רעסאָרסן.

# וויכטיגע ענדערונגען אין די מעדיקעיד פראגראם

**פאראנטווארטליכקייט זיך צו איינשרייבן אין די אויטאמאטישע פינגער בילד סיסטעם (AFIS)**

- עס איז מער נישט פארלאנגט פאר מעדיקיעד אז עס זאל גענומען ווערן א בילד פון אייער פינגער אדער אז איר זאלט אריינקומען צו אייער לאקאלע דעפּאַרטמענט פון סאָושעל סערוויסעס ספעציעל אז עס זאל גענומען ווערן א בילד צו אריבערפירן אן ID.

**בלאט 30 (2/07)**

**ארויסרעכענען טשיילד סופּארט – מעדיקעיד**

- די ערשטע $100.00 פער קינד פון די יעצטיגע טשיילד סופּארט וואס איר באקומט יעדע חודש ווערט נישט אריינגערעכנט ביים באשטימען אויב איר אדער אייער קינד איז בארעכטיגט פאר מעדיקעיד און פאר וויפיל. ווען א קינד ווערט באשטעטיגט אלץ בלינד אדער אלץ דיסעיבלד, וועט א דריטל פון סיי וועלכע טשיילד סופּארט אפצאל וואס דאס קינד באקומט פון די עלטערן וואס וואוינט נישט מיט זיי נישט אריינגערעכנט ווערן ביים באשטימען אויב אייער קינד איז בארעכטיגט פאר מעדיקעיד און פאר וויפיל.

**פאראנטווארטליכקייט אריבערצוגיין א שעדליכע אלקאהאל און דראג באנוץ אונטערזיכונג פאר מעדיקעיד**

- מענטשן וואס אפלייען פאר אדער באקומען מעדיקעיד ווערן מער נישט פארלאנגט אריבערצוגיין א שעדליכע אלקאהאל און דראג באנוץ אונטערזיכונג און אפשאצונג, און ווערן מער נישט געצווינגען צו גיין פאר באהאנדלונג פאר אזעלכע זאכן.

**בלאט 31**

**פאראנטווארטליכקייטן מיטן נוצן מעדיקעיד פראָוויידערס**

ווען איר ווערט באשטעטיגט צו באקומען מעדיקעיד, וועט איר זיך קענען אנשליסן אין א מעדיקעיד מענעדזשד קעיר העלט פלאן. אין טייל קאַונטיס וועט איר זיך מעגליך מוזן אנשליסן אין אזא פלאן. אויב איר דארפט אינפארמאציע וועגן וועלכע פלענער זענען דא צו באקומען אין אייער קאַונטי, אין וועלכע פלענער אייער דאקטאר איז איינגעשריבן און אויב איר מוזט זיך אנשליסן אין א מענעדזשד קעיר פלאן, רופט ביטע ניו יארק מעדיקעיד טשויס ביי 1-800-505-5678. איר קענט אויך רופן אדער באזוכן אייער לאקאלע דעפארטמענט פאר סאשעל סערוויסעס. אויב איר האט א דאקטאר צו וועם איר ווילט ווייטער גיין, דארפט איר זעהן אויב זיי זענען איינגעשריבן אין די מעדיקעיד מענעדזשד קעיר העלט פלאן אין וועלכע איר שליסט זיך אן. ווען איר שליסט אייך אן אין א מעדיקעיד מענעדזשד קעיר העלט פלאן, וועט איר באקומען א באזונדערע העלט אינשורענס קארטל פון אייער פלאן.

- איר וועט נוצן אייער מעדיקעיד מענעדזשד קעיר העלט פלאן קארטל צו באקומען רוב סערוויסעס וואס זענען געדעקט דורך מעדיקעיד. עטליכע סערוויסעס ווערן נאכאלץ געדעקט דורך די געהעריגע מעדיקעיד. פארבינדט אייך מיט אייער העלט פלאן אויב איר האט פראגן וועגן געדעקטע סערוויסעס

# וויכטיגע ענדערונגען אין די מעדיקעיד פראגראם

**בלאט 9**

**טייל B**

אויב איר ווערט 65 יאר אלט אין די קומענדיגע דריי חדשים אדער אויב איר זענט 65 יאר אדער עלטער, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר נאך מעדיצינישע בענעפיטס דורך די מעדיקעיר פראגראם. איר מוזט אפליייען פאר מעדיקעיר אלץ א תנאי צו קענען זיין בארעכטיגט פאר מעדיקעיד.

מעדיקעיר איז א פעדעראלע העלט אינשורענס פראגראם פאר מענטשן פון 65 יאר און עלטער אפגעזעהן פון וויפיל געלט זיי מאכן. ווען א מענטש האט סיי מעדיקעיר און סיי מעדיקעיד, צאלט מעדיקעיר קודם און נאר דערנאך צאל מעדיקעיד.

איר מוזט אפליייען פאר מעדיקעיר אויב:

- איר האט כראנישע נירן קראנקייט (קידני פעיליור) אדער עמיאָטראָפיק לעטערעל סקלעראָוסיס (ALS); **אדער**
- איר ווערט 65 יאר אלט אין די קומענדיגע דריי חדשים אדער איר זענט שוין יעצט 65 יאר אדער עלטער **און** אייער אייקונפט איז גלייך צו אדער וויניגער פון 120 פראצענט פון די פעדעראלע ארעמקייט שטאפל (וואס איז געוואנדן אין די גרויסקייט פון די הויזגעזונד פאר אן איינציגער מענטש אדער חתונה געהאטע קאפל), אדער איז אויף די סטאנדארט פון מעדיקעיד. אין די פעלער קען די מעדיקעיד פראגראם צאלן אדער צוריקצאלן אייערע מעדיקעיר פרימיומס. אויב די מעדיקעיד פראגראם קען צאלן פאר אייערע פרימיומס, וועט איר מוזן אפליייען פאר מעדיקעיר אלץ א תנאי צו זיין בארעכטיגט פאר מעדיקעיד.

**בלאט 10**

**פרינעיטעל קעיר הילף פראגראם (PCAP)**

- די נאמען "פרינעיטעל קעיר הילף פראגראם (PCAP)" איז מער נישט אין באנוץ. יעדע פלאץ וואו PCAP ווערט דערמאנט זאל עס געטוישט ווערן צו "מעדיקעיד פאר טראגעדיגע פרויען".

**בלאט 12**

**מענטשן וואס באקומען מעדיקעיד וואס דארפן נישט צאלן קיין קאָופעיס**

- מענטשן וואס באקומען מעדיקעיד און מענטשן וואס זענען אין די פאמיליע פלאנירונג בענעפיט פראגראם (FPBP) דארפן נישט צאלן קיין קאָופעיס פאר סיי וועלכע סערוויס, באהאנדלונג אדער סופּלייס וואס ווערט געדעקט דורך פאמיליע פלאנירונג, אריינרעכענענדיג פריסקריפּשענס (רעצעפטן).

**בלאט 13**

**פארוואס זאל איך זיך אנשליסן אין א מעדיקעיד מענעדזשד קעיר העלט פלאן?**

- רוב פון די מעדיקעיד מענעדזשד קעיר העלט פלענער שטעלן צו א גרעסערע ליסטע פון דאקטוירים און פראָווייידערס פון די געהעריגע מעדיקעיד (פי פאר סערוויס). איר באקומט די מעגליכקייט צו אויסוועלן אייער אייגענע משפחה דאקטאר ((PCP, דאס מיינט אז איר דארפט נישט נוצן די עמערדזשענסי רום פאר מעדיצינישע קעיר וואס איז נישט א לעבנס געפאר. אייער משפחה דאקטאר וועט אייך גיבן א ריפערעל צו א ספעציאליסט אויב עס פעלט אויס. איר קענט רופן אייער משפחה דאקטאר'ס אדער א העלט פלאן'ס טעלעפאן נומער 24 שעה א טאג אויב איר טראכט אז איר דארפט האבן מעדיצינישע קעיר.

# וויכטיגע ענדערונגען אין די מעדיקעיד פראגראם

- מער אינפארמאציע איז דא צו באקומען אויף די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אָוו העלט וועבזייטל ביי http://www.health.ny.gov

**בלאט 14**

**צו זאל איך קענסעלן סיי וועלכע אנדערע העלט אינשורנס וואס איך האב שוין?**

- ניין. אויב איר באצאלט העלט אינשורענס פרימיומס, קען מעדיקעיד אייך העלפן צו צאל דערפאר.

**בלאט 18**

**אויב איר האט סיי וועלכע פראגן**

- ניו יארק געזונטהייט אפציעס איז די פלאץ וואו איר קענט זיך פארבינדן פאר ניו יארק'ס מעדיקעיד און טשיילד העלט פלאָס (CHP) פראגראמען, רופט ביטע 1-800-541-2831. אויב איר דארפט אינפארמאציע וועגן וועלכע פלענער זענען דא צו באקומען אין אייער קאַונטי, אין וועלכע פלענער אייער דאקטאר איז איינגעשריבן און אויב איר מוזט זיך אנשליסן, רופט ביטע ניו יארק מעדיקעיד טשויס ביי 1-800-505-5678.

**בלאט 25 – טייל E**

**ש. וואס איז אויב מיין מעדיקעיד קעיס ווערט פארמאכט?**

- מען קען באקומען צייטווייליגע מעדיצינישע הילף (Transitional Medical Assistance, TMA) פאר 12 חדשים אין איין צו אויב איר האט באקומען נידריגע איינקונפט (לאָו-אינקאם) פאמיליע מעדיקעיד אין איינס פון די פארגאנגענע זעקס חדשים.